סטאטוטן

פון דעם

אידישן עלטערן-פאַרבאַנד

אין לעטלאַנד.

ריגע, 1922

E. Levina spiestuve Marstaļu ielā 19.

20

סטאטוטן

פון דעם

אידישן עלטערן־פארבאנד

אין לעטלאנד.

א. דער ציל און די רעכט פון פארבאנד.

§ 1.

דער ציל פון דעם אידישן עלטערן־פארבאנד אין לעטלאנד איז:

א) פארטיידיקן און אונטערשטיצן די אינטערעסן פון דער אידישער בילדונג אין אלגעמיין, און די אינטערעסן פון די שולן מיט דער אידישער אונטעריכטס־שפראך באזונדערס.

ב) מאראליש און מאטעריעל שטיצן אזעלכע אידישע שולן, ווי אויך שטיצן די לערנענדע יוגנט.

§ 2.

כדי צו דערגרייכן די דאזיקע צילן, האָט דער פאַרבאנד דאָס רעכט:

א) פארטיידיקן די אינטערעסן פון פארבאנד און פון די אידישע שולן בא רעגירונגס־, זעלבסטפארוואלטונגס־ און געזעלשאפטלעכע אַנשטאַלטן, ווי אויך בא פריוואטע פערזאָנען.

ב) איינאָרדנען אויסשטעלונגען, פארלעזונגען, קורסן, עקסקורסיעס און אנדערע פאראנשטאַלטונגען.

ג) גרינדן און אויסהאַלטן ביבליאָטעקן, לייענזאלן, לערנאנשטאלטן, שפייז־הייזער, מוזייען און אַנדערע אנשטאלטן.

ד) איינארדנען געלט־ און זאכן־זאמלונגען, באַזאַרן און לאָטערייעס, איינארדנען מיט דער דערלויבעניש פון אינערן מיניסטער אַ פאַרקויף דורך ספעציעלע צייכנס.

ה) גרינדן קאַפּיטאַלן פאַר באַזונדערע צילן און סטיפענדיעס;

ו) באַזאָרגן די מיטגלידער פון פארבאנד, ווי אויך די שולן מיט ביכער און אַנדערע לערן־מכשירים.

ז) שטיצן די נויטליידנדע שילער מיט געלט און זאַכן.

§ 3.

דער פאַרבאַנד האָט דאס רעכט פון א יורידישן פּערזאָן.

ער האָט רעכט: א) שטעלן זיך אין פאַרבינדונגען מיט מלוכה־און קאַמונאַלע אנשטאַלטן, געזעלשאַפטן און פּריוואַטע פּערזאָנען.

ב) אָנגעבן אָנקלאָגן אין געריכט און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזעלכע.

ג) דערווערבן, ערענדיקן, פאָרזעצן און איבערגעבן באַוועג־לעכע און אומבאַוועגלעכע אייגנטימען.

ד) אָנצונעמען אף זיך די פאַרוואַלטונג פון לעגאַטן און נדבות, איינשטימענדיק מיט די וואונטשן פון די מנדבים.

ה) שליסן אלערליי אפמאַכן און אָננעמען אף זיך חובות.

§ 4.

דער טעטיקייט ראַיאָן פון פאַרבאַנד איז לעטלאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט דאָס רעכט אין זיין טעטיקייטס־ראַיאָן צו גרינדן סעקציעס און אָפּטיילונגען, וועלכע מוזן האַנדלען לויט די תקנות פון די דאָזיקע סטאַטוטן און לויט די אינסטרוקציעס פון פאַרבאַנדס פאַרוואַלטונג. אָפּטיילונגען און סעקציעס ווערן געעפנט לויט דער פאַראָרדענונג פון פאַרבאַנד.

דער פאַרבאַנד האָט אויך דאָס רעכט צו פאַראייניקן זיך מיט אַנדערע אַנטשפּרעכנדע פאַרבאַנדן, וועלכע פאָלגן אויך זיינע צילן.

§ 5.

דער פאַרבאַנד האט א שטעמפּל מיט זיין נאמען אין מלוכה־שפראך און אין אידיש.

§ 6.

דער פאַרבאַנד איז פאַראַנטוואָרטלעך פאר זיינע חובות מיט זיין גאנצן אייגנטום, אויסשליסנדיק דעם אייגנטום און ווערטן, וועלכע דריטע פּערזאָנען האבן איבערגעגעבן אין פארבאנדס פארוואלטונג, אדער וועלכע זיינע באַשטימט פאר באַשטימטע צוועקן.

ב. דער באַשטאַנד פון פאַרבאַנד, תקנות וועגן אריינטרעטן און ארויסטרעטן פון מיטגלידער, די רעכט און התחייבותן פון מיטגלידער.

§ 7.

מיטגלידער פון פארבאנד קענען זיין פיזישע און יורידישע פּערזאָנען,

וועלכע ווילן מיט זייער אנטיילנעמען אונטערשטיצן די צילן פון פארבאנד.

באמערקונג: פערזאנען, וועלכע זיינען נאך ניט קיין 20 יאר אלט, קענען ניט זיין קיין מיטגלידער פון פארבאנד. חוץ דעם קענען ניט קיין פּאָליאריקע פארנעמען א וועלכע ניט איז שטעל, און אזעלכן קען ניט ארויסגעגעבן ווערן קיין פולמאכט.

§ 8.

פערזאנען, וועלכע ווילן אריינטרעטן אין פארבאנד, דארפן דערלאנגען רעקאָמענדאַציעס פון 1 פאַרוואַלטונגס-מיטגליד און פון 2 פאַרבאנד-מיטגלידער. די פראַגע וועגן אנעמען אַ מיטגליד לייזט די פאַרוואַלטונג. אין פאַל ווען די פאַרוואַלטונג אַנטזאָגט זיך אָנצונעמען, קען דער קאַנדידאַט זיך ווענדן מיט א אָנקלאָג צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון פאַרבאַנד.

§ 9.

יעדער מיטגליד צאָלט יערלעך אין דער קאסע פון פאַרבאנד מיטגלידסגעלט, פון וועלכן די גרויס און די טערמינען פון צאָלן באַשטימט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. דעם מיטגלידס-אָפּצאָל צאָלט מען ניט ארויס ניט באַם פרייוויליקן אַרויסטרעטן פון פאַרבאנד און ניט באַם אויסשליסן.

§ 10.

יעדער מיטגליד קען צו יעדער צייט ארויסטרעטן פרייוויליק פון פאַרבאנד, דערלאַנגענדיק וועגן דעם א שריפטלעכע מעלדונג דער פאַרוואַלטונג.

§ 11.

מיטגלידער, וועמענס אופירונג שאַדט די אינטערעסן פון פאַרבאנד, קען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אויסשליסן. די פאַרוואַלטונג האָט רעכט אַזאַ מיטגליד צו פאַרבאָטן נעמען אָנטייל אין פאַרזאַמלונגען און אויסנוצן פאַרבאנדסאנשטאַלטן.

§ 12.

פערזאָנען, וועלכע האבן באַזונדערע פאַרדינסטן אַפן געביט פון בילדונג, קען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג לויט אַ פאָרשלאַג פון דער פאַרוואַלטונג אויסוויילן פאַר ערן-מיטגלידער. ערן-מיטגלידער זיינען באַפרייט פון מיטגליד-אָפּצאָל און געניסן אַלע רעכט פון ווירקלעכע מיטגלידער.

ג. די מיטלען פון פארבאנד.

§ 13.

די מיטלען פֿון פאַרבאנד באַשטייען פון:

א) יערלעכע אָפּצאָלונגען.

ב) נדבות (שפּענדונגען) פון מיטגלידער פון פאַרבאנד, ווי איך פון אַנדערע פערזאָנען און אַנשטאַלטן.

ג) הכנסות פון פאַרבאנדסאייגנטימען.

ד) ריינע הכנסה פון פאַרבאנדסאונטערנעמונגען און איינאָרדנונגען.

ד. די פארוואלטונג פון פארבאנד.

§ 14.

מיטן פאַרבאנד פֿאַרוואַלטעט:

א) די אלגעמיינע פאַרזאַמלונג, ב) די פֿאַרוואַלטונג, ג) רעווידיר-קאָמיסיע.

באמערקונג: די פֿארוואלטונג קען, כדי צו פארוואלטן און אופֿצוקוקן אף איינצרנע אונטערנעמונגען, אנשטאלטן און אפצווייגונגען פֿון פארבאנד און אופצוקלערן פארשידענע, פֿארבונדענע מיט זייער מעטיקייט, פראגן, גרינרן באזונדערע קאמיכינס, וועלכע ארבעטן אין די גרעניצן פון די דאזיקע סטאטוטן און די באשטעטיקטע אינסטרוקציעס פון פארוואלטונג.

א) די אלגעמיינע פארזאמלונגען, זייער צונויפרופן, דאס ארויסטראגן באשלוסן.

§ 15.

אלגעמיינע פאַרזאמלונגען זיינען:

א) ארדנטלעכע, וועלכע רופט צונויף די פאַרוואַלטונג באַם סוף פון לויפנדן לערן-יאר, ניט שפעטער ווי ביז 1 סעפטעמבער און

ב) אויסעראָרדנטלעכע, וועלכע רופט צונויף די פאַרוואַלטונג לויט איר איינזען, אדער לויט דער שריפֿטלעכער פֿאָדערונג פון רעווידיר-קאמיסיע אדער ניט ווייניקער ווי פון א דריטל מיטגלידער פון פארבאנד. אין לעצטן פאַל מוז ווערן אופגעוויזן די פראגן, וועלכע דארפן באַטראַכט ווערן.

§ 16.

די אופגאבע פון דער אַלגעמיינער פארזאמלונג איז:

א) באַטראַכטונג און באַשטעטיקונג פון ארבעט־פּלאַן און בודזשעט;
ב) צונויפשטעלן די ארדנונג פאר געשעפטספירעריי;
ג) וויילן א פאַרוואַלטונג און רעווידיר־קאַמיסיע;
ד) באַהאַנדלען דעם יערלעכן איבערבליק און באַשטעטיקן אים;
ה) איבערמאַכונג און דערפילונג פון די סטאַטוטן;
ו) באַשיידן די פראַגן וועגן די ליקווידאַציע פון פאַרבאַנד;
ז) באַשיידן אלע איבריקע פראגן אין איינשטימיקייט מיט די סטאַטוטן;
ח) דורכקוקן די פראגן וועגן קויפן און פארקויפן אומבאַוועגלעכקייטן, וועגן נעמען אף זיך וועקסלען;
ט) דורכקוקן אנקלאגן אף די פירונג (באַהאַנדלונג) פון דער פאַרוואַלטונג און דער רעווידיר־קאָמיסיע;
י) אויסשליסן מיטגלידער פון דעם פאַרבאנדס־באַשטאַנד.

.17 §

אלגעמיינע פאַרזאַמלונגען רעכנען זיך פאַר פולבאַרעכטיקטע, אויב אין זיי נעמט אָנטייל ניט ווייניקער ווי א דריטל פון די אין ריגע וואוינענדיקע מיטגלידער; נאָר אף צו ענדערן אדער דערפילן די סטאַטוטן פון פאַרבאנד, אדער אף צו ליקווידירן דעם פארבאנד איז נויטווענדיק צוויי דריטל פון די אין ריגע וואוינענדיקע מיטגלידער. אין פאל, ווען אף דער פאַרזאַמלונג דערשיינט ניט די דערמאָנטע צאָל פון מיטגלידער, ווערט אין א משך פון א וואָך צונויפגערופן א צווייטע אלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע רעכנט זיך פאר א געזעצלעכע באַ יעדער צאל מיטגלידער.

.18 §

אַלגעמיינע פארזאמלונגען ווערן צונויפגעריפן דורך דער פאַרוואַלטונג פון פאַרבאנד, וועלכע מוז מודיע זיין וועגן דעם אָרט און צייט פון פארזאַמלונג און וועגן די פראַגן, וועלכע דאַרפן באהאנדלט ווערן, פובליקירנדיק אין א וועלכע ניט איז פון די אָרטיקע בלעטער ניט שפּעטער ווי 7 טעג פאַר דער פאַרזאמלונג און אויסהייגנגענדיק אן אנטשפּרעכנדיקע מודעה אין לאָקאַל פון פארוואלטונג פון פאַרבאַנד. די אלגעמיינע פארזאמלונג עפנט א פאָרשטייער פון דער פאַרוואלטונג, אָבער פירט אן פון דער פאַרזאמלונג אן אויסגעוויילטער פאָרזיצער.

§ 19.

די באשלוסן פון אלגעמיינע פארזאמלונגען איבער אלע פראגן, חוץ די אונטן דערמאָנטע, ווערן אָנגענומען מיט א גע־ווײנלעכער שטימען מערהייט. כדי צו לייזן די פראגן וועגן פאר־ענדערן אדער דערגענצן די סטאטוטן, ווי אויך וועגן דער ליק־ווידאציע פון פארבאנד, איז נויטיק א מערהייט פון צוויי דריטל שטימען.

ב. די פארוואלטונג.

§ 20.

די אָרדנטלעכע אלגעמיינע פארזאַמלונג וויילט אויס פון אירע מיטגלידער מיט אַ פאַרמאַכטן שטימען־אפּגעבן אף 1 יאָר אַ פאַרוואַלטונג פון פאַרבאנד.

§ 21.

די אויפגאַבן פון פאַרוואַלטונג זיינען:

א) זאָרגן וועגן אַן אָרדנונג אין די השבנונות און געשעפטספירונג.

ב) אויפנעמען און אויסצאָלן געלט, באַהיטן די געלט־סומעס, ווערט־חפצים און אנדערע זאַכן, וועלכע געהערן דעם פארבאנד, אָדער זיינען אים פאַרטרויט.

ג) שליסן אָפּמאַכן אין די גרענעצן פון דעם באַשטעטיקטן אַף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ביודזשעט.

ד) פארטיידיקן די אינטערעסן פון פארבאנד באַם געריכט און אַדמיניסטראַטיווע אַנטשטאַלטן.

ה) צוזאַמענשטעלן דעם ביודזשעט, דעם אַרבעט־פּלאַן און דעם יער־לכען איבערבליק, און צושטעלן זיי אינאיינעם מיט דער מעלדונג פון רעווידיר־קאָמיסיע דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג צום באַשטעטיקן.

ו) פירן אַלערליי אַנדערע געשעפטן אין הסכם מיט די דאָזיקע סטאַטוטן און מיט די באשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

ז) אָננעמען מיטגלידער.

§ 22.

די פאַרוואַלטונג פון פאַרבאנד געפינט זיך שטענדיק אין ריגע.

§ 23.

די פארוואַלטונג פון פארבאנד באשטייט וויניקסטנס פון 12 מיטגלידער און 3 קאַנדידאַטן, וועלכע לויט דער שטימען־מערהייט

גייען אַריין אין פאַרוואַלטונג אַפן אָרט פון די ארויסגעטראָטענע מיטגלידער.

§ 24.

די פאַרוואַלטונג ווײלט אוים פון איר באַשטאַנד אַ פאָר־זיצער, 2 זיינע געהילפן, אַ קאַסירער און אַ סעקרעטאַר. באַשלוסן נעמט אָן די פאַרוואַלטונג מיט אַ פראָסטער שטימען־מערהייט.

§ 25.

זיצונגען פון פאַרוואַלטונג קומען פאָר לויט דער נויטיקייט, אָבער ניט ווייניקער ווי 2 מאָל אַ חודש און רעכענען זיך פאַר געזעצלעכע נאָר דאַן ווען ס'איז דערשינען אַ העלפט פון פאַר־וואַלטונגס־מיטגלידער, צווישן זיי איך דער פאָרזיצער אָדער זיין געהילף.

§ 26.

די קאָרעספאָנדענץ, וועלכע ווערט געפירט אין נאָמען פון פאַרבאַנד, ווערט אונטערגעשריבן פון פאָרזיצער אָדער פון זיין גע־הילף, און סעקרעטאַר, אין געלט־ענינים אויך פון קאַסירער.

§ 27.

די געשעפטספירעריי פירט זיך אין אידיש. לויט דער פאָ־דערונג פון מלוכה־אַנשטאַלטן ווערט צוגעשטעלט אַ באַשטעטיקטע איבערזעצונג.

ג. רעווידיר-קאָמיסיע.

§ 28.

די אָרדנטלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג קלייבט אויס מיט אַ פאַרמאַכטן שטימען־אָפּגעבן אַ רעווידיר־קאָמיסיע אין באַשטאַנד פון 5 מיטגלידער אַף 1 יאָר צייט כּדי צו קאָנטראָלירן די אַר־בעט פון פאַרבאַנד, פון קאַסע, דורכצוקוקן די חשבונות און די ביכער און אין אַלגעמיין כדי צו רעווידירן די טעטיקייט, האַנדלונגען פון פאַרבאַנד און זיינע אַנטשטאַלטן.

§ 29.

די אויפגאַבן פון רעווידיר־קאָמיסיע זיינען:

א) רעווידירן די קאַסע און די אַנשטאַלטן פון פאַרבאַנד, ווי

אויך די זאַכן, וועלכע געהערן אים אָדער זיינען אים פּאַרטרויט, און צוגלייכן די רעזולטאַטן מיט די ביכער און חשבונות.

ב) רעווידירן דעם בּודזשעט און דעם יערלעכן איבערבליק און מודיע זיין וועגן דעם דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

די רעווידיר־קאָמיסיע קען אויך אָנווייזן דעם פארבאנד אפן אויסנוצן פון אזעלכע באדינגונגען, וועלכע וואלטן געקענט העלפן אים אויס־פירן זיינע אויפגאבן אפן בעסטן אופן.

ה. די ליקווידאציע פון פארבאנד.

§ 30.

די פראגע וועגן פאַרענדיקן די טעטיקייט פון פאַרייאן און וועגן שליסן זיינע אנשטאלטן און אָפּטיילונגען ווערט באטראכט אין פארוואלטונג און דערנאך ווערט זי איבערגעגעבן דער אל־געמיינער פארזאמלונג. די לעצטע באשליסט וועגן דער ליקווידאציע פון פארבאנד מיט א מערהייט פון 2 דריטל פון די אנוועזנדע שטימען.

§ 31.

אין פאַל פון א ליקווידאציע פון פארבאנד, ווערן זיינע קא־פּיטאלן און זאכן אויסגענוצט איינשטימענדיק זיך מיט דעם באשלוס פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג און מיט די צילן פון פארבאנד. כדי אויסצופירן דעם באשלוס, ווילט אויס די אלגעמיינע פארזאמלונג א ליק־ווידיר־קאמיסיע, וועלכע באשטייט ניט ווייניקער ווי פון 3 מיטגלידער.

די אלגעמיינע פארזאמלונג באשטימט דער ליקווידיר־קאָ־מיסיע א משך צייט פאר דער ליקווידאציע, נאָכן ענדיקן פון וועלכן מוז די קאָמיסיע צונויפרופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג. די לעצטע קוקט דורך די מיטטיילונגען פון דער ליקווידיר־קאָמיסיע וועגן די רעזולטאטן פון איר ארבעט און באשטעטיקט דעם אקט פון פארמאכן דעם פארבאנד.

§ 32.

דעם באשלוס פון דער אלגעמיינער פארזאמלונג וועגן פארבאנדס ליקווידאציע מוז מען פובליקירן אין א וועלכער ניט איז ארטיקער צייטונג.

§ 33.

נאך דער ליקווידאציע פון פארבאנד ווערן זיינע ביכער, דאָ־קומענטן און שטעמפל איבערגעגעבן דעם קרייז־געריכט.